און דורך דערויף - דער "מחשבים הושיבני", איז ער מברר און פארענטפערט און די אלע ענינים, ביז וואנענט אז "חברים מקשיבים לקולך השמיעיני" כמדובר לעיל אין דעם שבת׳דיקן פארברענגען, ומיוסד אויף קו"א און אגה"ק פון׳ם אלטן רבי׳ן,

איז אט דעמולט ווערט אזוי אויבעט אין מציאות, אז באטש דער לילה פון גלות איז לבאורה א חושך כפול ומכופל, איז נניט נאר אז עס ווערט בטל דער קץ שם לחושך, נאר ס׳ווערט אויך דער "לילה כיום יאיר" "והוי׳ יגיהה חשכי", אז דער חושך אלייך ווערט ליכטיג, בדוגמא ווי אין תורה, אז דוקא דורך דערויף וואס מקשה כ"ד קושיות און ענטפערט כ"ד פירוקים, דורך דערויף קומט מען צו, צו דער דער בירור און דער ליכטיקייט פון תורה און מאור שבתורה,

אזוי טוט מען אויבעט אויף אין דעם "אנפת בי" אין דעם חושך כפול ומכופל פון גלות, אז ס׳ווערט דער"אודך הוי׳ כי אנפת בי", און ער זאגט באמתיה ניט נאר מצד דער נפה"א און אמונה, נאר אויבעט מצד דער נפה"ב והבנה והשגה, ביז אז ער זעט דאס בעיני בשר,

אין דער גאולה האמיתית והשלימה אין אופן וואס "יעלה הפורץ לפנינו", וואס וועט פורץ זיין די אלע גדרים און חשבונות וקצים וכו׳, און וועט אראפ ברענגען דער ישראל נגאלין מיד, בעגלא דידן,

למטה מעשרה טפחים, ושמחת עולם על ראשם.

*  *  *

ג. לויט דער תקנה פון דעם בעל ההילולא, און ווי דערמאנט אויבעט אין דער פריערדיקער התוועדות, איז דא דער ענין פון לימוד החומש - דער חלק הסדרה וואס איז פארבונדן מיט׳ן טאג,

איז געפינט מען אין דעם חלק הסדרה פון דעם טאג, אז דאס האט אויך א קשר מיט׳ן שם הסדרה, וואס אע"פ אז בדרך הרגיל איז דער נאמען פון דער סדרה פארבונדן מיט דעם ערשטן וואדט אדער מיט די ערשטער ווערטער פון החלת הסדרה, קומען זיי דאך ניט צו, צו שני און שלישי וכו׳,

איז אבער דער סדרה יתרו א יוצא מן הכלל, וואס גלייך ווי רש"י ברענגט דאס אראפ בפירושו על התורה, וואס דאס גיט מען דאך צו פארשטייען אפילו צו א בן חמש למקרא, וואס די סדרה ווערט דאך אנגערופן מיט׳ן נאמען יתרו ע"ש "וישמע יתרו",

איז רש"י בפרש דעם נאמען יתרו, "שיתר פרשה אחת בתורה, במילא איז דערפון אויבעט פארשטאנדיק. אז דאס גייט אויך אויפ׳ן שם הסדרה, פונקט ווי דאס גייט אויפ׳ן שם האדם, אז דאס וואס די סדרה ווערט אנגערופן יתרו איז דאס ע"ש פון "וישמע יתרו" כפשוטו, און פארוואס האט ער געהייסן יתרו, "שיתר פרשה אחת בתורה",איז דער ענין - דער אויפטו פון "יתר פ׳ אחה בתורה, איז דאס פארבונדן מיטן גאנצען סדרה,

וואי וועט אויבגעטיילט דער חלק פון יום זה, איז רש"י גלייך מפרש וואס פארא פרשה האט יתרו "יתר" בהורה, |איז דאס דער פ׳ פון| ואתה תחזה, וואס דאס איז דער שיעור - דער חלק הסדרה וואס איז פארבונדן מיט יום זה.

<u>הנחה פרטית בלתי מוגה</u> - אט דאס -

וואס דאס איז באמור, אז דער חלק הסדרה, אע"פ וואס דאס איז פון שני ביז שלישי, איז דאס פארבונדן מיט גער סדרה בכללותה, עאכו"כ מיט תחלת הסדרה, וואדום גלייך אין דער אנהויבס סדרה שטייט ניט זיין נאמען "יתר", אדער איינער פון די אנדערע נעמען, נאר דוקא בשם "יתרו", וואס דאס באווייזט דאך אויף "יתר פ׳ אחת בתורה", און מ׳קאן איבעט זאגען אז דאס איז דער התחלה - דער וא"ו פון "ואתה תחזה".

וואס דאס איז מוסיף אויף "יתד".

"יתר" ווייס מען מער ניט אז "יתר פ׳ אחת בתורה", און די פ׳ הייבט זיך אן מיט א וא"ו, וואס דאס שטייט נאכ׳ן ווארט "יתר", - נאך די אותיות "יתר" אין דער נאמען פון יתרו.

וואס אט אין דעם ענין ווערט א תמיהה גדולה ביותר.

משה רבינו איז געווען רועה של ישראל. און ווי ער זאגט אין מדרש "ומשה הי׳ רועה" - אז גלייך ווי ער איז געבארן געווארן, איז ער שוין געווען באשטימט אין אלע זיינע ענינים <u>פון דעם טאג</u> - פון דעם רגע ווען ער איז געבארן געווארן, אז ער זאל זיין רועה ישראל.

משה איז געווען אט דער וואס קיבל תורה מסיני, ובפרט נאך אז עס איז שוין געווען די לוחות שניות אויכעט, ווי רש"י ברענגט אראפ אז דער ענין איז דאס געווען מוצאי יוה"כ, וואס דעמולט איז שוין געווען דער מ"ת פון די לוחות שנייה.

נוסף, אז שוין בשעת ער איז געווען "ויגדל", ווי ס"שטייט אין ספרים אז דאס איז געווען ווען ער איז שוין געווארן בן עשר שנים, "ויצא וירא בסבלותם" איז ער שוין ארויסגעגאנגען צוקוקן זיך וואס עס טוט זיך מיט אידן, אין וויאזוי אידן לײדן, און ווי אזוי ער קאן זיי העלפן. וואס דאס איז געווען - לויט די מדרשים - ווען ער איז געווען בן עשרים שנה, און בצאתו ממצרים - זאגט ער דאך אין חומש - אז משה איז געווען בן שמונים שנה. ד.ה. אז <u>זעכציק</u> יאר נאכאנאנד, איז ער שוין געווען בתוד רועה בפועל, נארעדויף ווי ויצא וירא בסבלותם.

איז ביי משה רבינו געווען דער סדר, אז ער איז געזעסן בדין, "והעם נצב עליך מערב עד בוקר", און ער האט גערעכנט אז דאס איז א סדר וואס אזוי דארף זיין! בשעת ס׳איז געקומען יתרו פון ארץ מדין, און בפ׳ערשט געווען א קורצע ווײלע וואס ער איז דארט געווען, איז <u>ער</u> איז "יתר פ׳ אחת", ער האט געזאגט דער "ואתה תחזה", און האט מסיים געווען אז דוקא דורך אט דעם אופן, איז וכל העם הזה יבוא בשלום, און משה רבינו האט איגענומען דער עצה זיינער, ביז ווי מ׳זאגט אז דאס ווערט א פ׳ בתורה, וואס ווער האט איר אריין געשטעלט אין תורה, איז דאס געווען יתרו וואס "יתר פ׳ אחת בתורה".

וואס לכאורה איז אינגאנצען ניט פארשטאנדיק, אמת טאקע ס׳איז דא א מאמר העולם אז „בשעת מען קומט אויף א ווייל זעט מען אויף א מייל", משא"כ דער וואס ער וואקסט אויס אין דעם,

ס׳איז אבער ניט שייכות זאגן ח"ו אויף משה רבינו וואס "הי׳ רועה" מרגע הוולדו, עאכו"כ ווען "ויגדל", עאכו"כ לאחרי יצי"מ, עאכו"כ לאחר מ"ת - לוחות דאשונות, עאכו"כ ווען עס איז געווען "ואתנפל לפני ה׳" איין מאל פערציג טעג צוליב אידן, א צווייטן מאל פערציג טעג צוליב

אידן, א דריטן מאל פערציג טעג צוליב אידן!

און האט געזאגט "ואם אין" אז דעמולט איז זיין מציאות קיין מציאות ניט! "מחני נא מספרך אשר כתבת"!

איז משה רבינו כאפט זיך ניט - כביכול - אויף די אלע ענינים, און בשעת יתרו זאגט אים "ואתה תחזה", - טאקע ברוה"ק שלך ווי רש"י טייטשט דאס אפ, איז ווער טוט דאס אזיף, און ע"ש מי ווערט דאס אנגערופן, ווערט דער יתר פ' אחת בתורה אנגערופן ע"ש יתרו כהן מדין, ביז וואנענט אז אזוי ווערט דאס געלערנט מיט א בן חמש למקרא בפשטות,

וואס לכאורה דארף דאס האבן א ביאור, ניט נאר א אין פשוטי התורה, אפילו א לימוד ע"ד הרמז, ע"ד הדרוש וע"ד הסוד.

אמת טאקע, ע"פ הזהר און ווי חסידות איז מבאר בכמה מאמרים, האט מען געדארפט האבן דער יתרון האור מתוך החושך און דער יתרון החכמה מן הסכלות, דערפאר האט מען געדארפט האבן אז יתרו זאל זאגן דער "עתה ידעתי", |אויף| באווייזען אז אין סכלות און אין חושך איז געווארן דער שינוי פון "עתה ידעתי", דאס איז אבער א הסברה פארוואס מען דארף האבן אז סכלות און חושך זאל נתהפך ווערן און זאל זאגן "עתה ידעתי". דא זאגט מען א גוואלדיקן ענין, מ'זאגט אז אין תורה דארף צוקומען נאך א פרשה, פארוואס, דערפאר וואס יתרו האט געזאגט "ועתה תחזה" און דאס איז געווארן א פרשה בתורה.

איז דער ביאור בזה, וואס איז מובן פון א צווייטן ענין וואס שטייט אויבעט בנוגע צו מ"ת, וואס דאס איז אויבעט - ניט אזא מין שטורעמדיקן קושיא - אבער עד"ז.

וואס מען געפינט גלייך נאך מ"ת בפעם הראשונה, ווי דער סיפור ווערט דערציילט אין ואתחנן, אז די אידן האבן געזאגט צו משה רבינו, וויבאלד אז ס'איז געווארן אזעלכע קולות וברקים, מיט "קול גדול ולא יסף וכו'", איז דערפאר זאלן זיי לערנען תורה על ידו.

זאגט ער דא דער לשון אין פסוק "ואת תדבר אלינו", "ואת אן א ה"א צום סוף, וואס דאס איז לשון נקבה. איז רש"י מבאר ואת תדבר אלינו - אז משה רבינו האט געזאגט אידן אז זזיי האבן מתיש געווען כוחו כנקבה - זיי האבן אים אפגעשוואכט, מיט וואס האבן זיי אים אפגעשוואכט, ער האט געדעכנט אז באטש עס איז געווען א קול גדול און עס אאיז געווען דער גאנצער יראה גדולה, איז מוטב אז זיי זאלן לערנען תורה מפי הגבורה און דאס האבן זיי געדארפט פארלאנגען, און זיי האבן געזאגט אז "תדבר אלינו" ע"י משה, איז במילא איז געווארן "תשש כוחו כנקבה".

ווערט אין דערויף אויבעט דער זעלבער שאלה, משה רבינו איז געווען רועם של ישראל, משה רבינו איז געווען אט דער וואס ער איז געווען ראוי שהנהן תורה על ידו, "משה קיבל תורה מסיני" ע"מ אז דורך דערויף זאל דאס דערנאך אנקומען ליהושע ולזקנים ולאנשי כנה"ג, ועאכו"כ בדורו של משה, ווי רש"י אראפ פון עירובין דער סדר לימוד התורה, אז משה איז געקומען צוגייען, און דער נאך איז נכנס אהרון האט ער מיט אים געלערנט, דערנאך געלערנט מיט נדב ואביהו מיט די זקנים, דערנאך געלערנט מיט'ן עם, -פיר מאל, -אלס משה רבינו -,

איז בשעת ס'קומט דערנאך און מ'דארף אפשאצן די תלמידים ווי אזוי זיי וועלען אויפנעמען די תורה, איז משה רבינו שאצט זיי אפ אז זיי האבן געדארפט זאגן - ניט קוקנדיק אויפן קול גדול מיט די קולות וברקים - אז זיי ווילן "ללמוד מפי הגבורה", משא"כ ווי ס'איז געווען

פועל, איז געווען דער פועל אז מ'האט דאס געלערנט מיט משה "תורה צוה לנו משה", אחוץ דער "אנכי ולא יהי' לך" וואס מפי הגבורה שמענום.

און ס'איז דאך פארשטאנדיק דער ריחוק, דאס איז ניט עפעס א ענין וואס איז ניט מדוייק אין דער אפשאצונג פון אידן, דאס איז א ריחוק מן הקצה אל הקצה ביז וואנענט ווי מען זאגט אז משה "תש כוחו כנקבה", דורך דערויף וואס ס' איז געווען זייערע מעמד ומצב ניט ווי ער האט זיי אפגעשאצט.

וואס עד"ז איז אויכעט דער ביאור בנוגע צו יתרו און משה בקשר מיט "ואתה תחזה", כ'איז געווען דער אופן ווי משה שאצט אפ אידן, און ווי משה שאצט אפ אידן איז אט דעמולט העם נצב עליך מן בוקר עד ערב, איז העם יבוא בשלום, און ויכלת עמוד - משה מיט די זקנים,

משא"כ ווי יתרו שאצט אפ אידן, איז אט דעמולט ווערט דאס אין אן אופן אז נבול תבול, מיט די גאנצער אריכות ההסברה, ביז וואנענט אז יתרו זאגט קוק מיט דיין דוה"ק איז וועט זייך "ואתה תחזה" אזוי ווי דו דארפסט קלייבן די זקנים מיט די שופטים - שרי אלפים ושרי מאות שרי חמישים ושרי עשרות אין אן אופן אז עס זאל זיין דער דבר הקטן און דבר הקשה, וגם כל העם הזה על מקמו יבא בשלום.

וואס איינער פון די פירושים אין דערויף איז, לכאורה דא קומט דאך אויס לכאורה אז משה האט ה"ו א טעות געהאט? נאר בשעת משה האט געקוקט אויף אידן |בשעת ער איז| געשטאנען צוזאמען מיט די אידן, איז אט דעמולט זיינען אידן טאקע געווען אין אזא מין מעמד ומצב אז עס האט דעמולט געקאנט זיין כל העם הזה גו' יבא בשלום מיט דעם סדר. אט דעמולט זיינען אידן געווען אין אזא מעמד ומצב אז זיי האבן געקענט לערנען מפי הגבורה.

אז עס קומט צוגייען יתרו דערזעט ער אויכעט אידן ווי זיי שטייען שלא בהעמדו, וועז משה רבינו איז אין אן אנדער גדר - אין אן אנדער רשות, אין אן אנדער עולם.

און אט דאמולט זאגט ער אז מען דארף באווארנען די הנהגות פון אידן ווי זיי וועלען שטייען אין א מעמד ומצב וועז משה וועט זייך בהר און זיי וועלען זייך למטה. וועז ס'וועט זייך "אחרי מותי" און "וקם העם הזה" דארף ער אויכעט באווארנען דער סדר.

ווי אזוי קאן מען דאס באווארנען אין זמן ההוא, דארף דאס אויך באווארנען דער רועה ישראל, ווארום כל העניינים מוזן גייען דורך משה. איי, דאס איז דאך א ענין וואס וקם העם הזה" וואס דאס וועט זייך "אחרי מותי", - ווי דעמולט וועט זייך דער סדר? איז אין זמן וועט דאס אראפ קומען שפעטער, אבער דורך וועמען דארף דאס גייען, איז כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש אין סוף הדורות, דארף דאס דורך גייען "ניתן למשה מסיני.

ע"ד ווי דאס איז אין תורה, קומט דאס אזוי אראפ אין אלע ענייני העולם. בשעת משה האט געקוקט אויף אידן, אז נאך לוחות אחרונות בכפלים לתושי', און געווארן דער מעלה פון בעלי תשובה בנוגע צו די סיפור אין פ' יתרו, עד"ז ווי משה האט געקוקט אויף אידן נאך לוחות אחרונות, האט ער דעמולט אויפגעהייבן אידן און זיינען געשטאנען אין אזא מעמד ומצב אז זיי האבן געדארפט שרייען אז זיי ווילן לערנען מפי הגבורה.

- און אז -

הנחה פרטית בלתי מוגה

און אז מ'דארף פסק'נען א דין - א דבר הקשה אדער א דבר הקל, וואס פאר א ענין דאס זאל ניט זיין, הערן זיי דאס גלייך פון משה. און אט דעמולט אז די בעלי דינים שטייען אין אזא מין מעמד ומצב איז "העם הזה יבא בשלום", און תוכל עמוד, און מען וועט דאס טאקע קאנען דורכהאלטן.

מאנען פון משה אז ער זאל זען ווי אידן וועלן ש טייען אחרי מותו וכו', דאס איז א דבר חידוש.

דאס איז ניט ח"ו א חסרון אין רועה ישראל בפעם הראשונה, דאס איז א דבר חידוש. בפרט נאך ווי ס'איז געווען דעמולט וואס משה רבינו האט געהאפט און גערעכנט, און ס'איז גארניט געווען קיין אנדערע טפס לאחרי לוחות ראשונות, אז ער וועט מכניס זיין ישראל לארץ, און דאס וועט זיין אין אחרי' גלות.

וואס עד"ז אין דרך החסידות געפינט מען אויכעט, אז משה רבינו איז געווען "ואתחנן אל הוי'", און האט געוואלט אז אידן זאלן שטייען אין א מעמד ומצב פון עבודה אין אן אופן פון ראיי', און דערנאך האט ער געזען אז ער קאן דאס ניט פועל זיין, האט ער געזאגט "ועתה ישראל שמע", ס'זאל זיין עכ"פ דער אופן פון שמיעה, און ראיי'מע'דיגט ביי יחידי סגולה אדער אין זמני סגולה וכו', כמבואר אין לקו"ת פון ואתחנן.

וואס דאס איז א ענין וואס אפילו א בן חמש למקרא פארשטייט דאס אויכעט. בשעת ער געפינט זיך מיט זיין מלמד - מיט זיין רבי'ן, בשעת ער געפינט זיך ביי אביו המחנכו לתורה ומצות, אט דעמולט שטייט ער און פילט דאס אליין ביי זיך אז ער שטייט אנדערש ווי בשעת ער גייט ארויס אין גאס. אדער ווי בשעה אביו אדער מחנכו גייט ארויס פון חדר.

כדי אז אביו און מחנכו זאלן קאנען אפשאצען דעם שינוי וואס עס וועט זיין אין דעם תלמיד - דעם ילד - נאך דערויף וואס ער וועט ארויס גייען פון חדר, איז אויב טוב עין הוא יבורך, איז ניט קיין פלא אז ער שאצט אים אפ אז ס'וועט ניט ווערן א שינוי שלא בערך, אז ס'קאן ניט זיין ראי', ס'קאן זיין מעניט ווי שמיעה, און ס'קאן ניט זיין אז פון כל דבר סיי קל און סיי קשה וועלן זיי דאס נעמען מיט'ן אור בריבוי און אור מופלג ווי דאס איז ביי משה, בשעת משה ווערט תש כוחו אט דעמולט קאן ער ערשט - בצער - אופנעמען אז זיי זאגען קאנען ניט הערן מפי הגבורה. וואס דאס איז דאך אויכעט דער פירוש הפשוט תש כוחו, איז דער אפטייטש בפשטות אז ער איז געווארן ניט אין זיין כח און ניט אין זיין גבורה ווי ס'איז געווען קודם השמיעה.

ניט נאר בהנוגע אז ס'איז א ענין של צער, ענין של צער איז א אנדער אויסדרוק, בשעת מ'זאגט אז תש כוחו, איז דאס דער טייטש אז זיין כח איז געווארן שוואכער.

און דערפאר קאן ער דעמולט דעדן זיך משהדל זיין און פועל זיין אז ער זאל דערנאך זיין דער ממוצע - ניט לומד מפי הגבורה, נאר לומד ע"י משה רבינו, אנכי עומד ביניכם אין דעם אופן ווי ס'איז געווען לאחרי וואס אידן האבן געזאגט "דבר אתה עמנו"ונשמעה" און ידבר אלוקים וואס אט דעמולט וועלן זיי דאס ניט קאנען בייסטייען.

וואס עד"ז איז דאס אויכעט אין "ואתה תחזה".

וואס עפ"ז דארף מען אבער האבן דער ביאור. וויבאלד אז ווי ער זאגט איך "ואתחנן" אז ווי אזוי האט דאס משה געקענט באנעמען ווען ס'איז געווארן תש כוחו כנקבה, ווי האט דאס יתרו פון אים פארלאנגט "ואתה תחזה" אן תש כוחו?

וואס דאס איז מובן ווי חסידות איז מבאר דער לשון „מבשרי אחזה אלוקה", וואס דער זעלבער זאך איז ער מבאר איך לקו"ת "ויחזו את אלוקים ויאכלו וישתו". וואס איז דא דער לשון "ויחזו" וואס דאס איז ניט קיין לשון רגיל, אומעטום שטייט דער לשון ויראו, ועד"ז. האט דא געדארפט שטייען מבשרי אראה.

איז חסידות מבאר-אז "אחזה איז דאס טאקע לה"ק, דאס איז אבער א ווארט פון תרגום וואס געפינט זיך אין לה"ק, און דאס טייטשט אפ ראי'. וואס תרגום איז דאס בדוגמא פון א כלי שני אינו מבשל, דעמולט ווערט דאס א ענין ווי דארט איז געווען, תש כוחו כנקבה, אט אזוי איז דא געווארן ווי תרגום האט מקבל געווען פון לה"ק, ווי מ'זאגט אז מבשרי אחזה, דאס איז ניט דער ראי' ווי דאס איז למעלה, ס'איז מערניט ער זעט דאס אין הרגום - פון דעם בשרי זעט ער "אחזה אלוקה", עד"ז האט יתרו געזאגט "ואתה תחזה". ס"איז טאקע דיין לה"ק, אבער ואתה תראה קאן ניט זיין. אויב ערוועט קוקן מדרגת משה ווי דאס איז בגבורתה, אט דעמולסט וועט ער זען ווי משה האט געזען, אז ס'דארף זיין ע"י משה, דבר קשה און דבר גדול, און אויבעט דבר קל און דבר קטן.

אט דאס האט יתרו געזאגט, וויבאלד אז ער איז געקומען מבחוץ, און האט זיך מגייר געווען, און "עתה ידעתי", ער איז דורכגעגאנגען אט די אלע וועגן אין די אלע דרגות וכו', האט ער געזאגט אז דער עם קאן דאס ניט באשטייען.

נאר וואס דען, עס דארף דאך דורכגייען דורך משה, משה דארף דאך אויס קלייבן, האט ער דאס באווארנט אז אויב ער וועט קלייבן ע"י ראיי', איז אט דעמולסט קאן ער ניט קלייבן און מען דארף דערצו ניט אנקומען. בשעה ער וועט דאס קלייבן דורך רוה"ק ווי דאס ווערט אנגערופן "ואתה תחזה", אט דעמולט וועט זיין וצוך אלקים ויכלת עמוד, און ווי דש"י טייטשט דאס אפ: המלך בגבורה, און דורך דערויף איז דאס געווארן דער „יתר פרשה אחת בתורה". און דערפאר איז דאס נקרא על שמו של יתרו, מען קאן דאס ניט רופן ע"ש של משה, משה האט דאס אזוי ניט געזען!

ובפרט נאך ע"פ המבואר אין קבלה און דער אלטער רבי ברענגט דאס אראפ אין אגה"ק ובכמה דרושים פון חסידות, אז קדושה אינה זזה ממקומה, ד.ה. דער פשט אז בשעת מצד דער משה וואס ס'איז דא ביי יעדער אידן איז דאס איצטער אויבעט אזוי, ניט ווי "תחזה" נאר ווי דאס איז מצד דער ענין.

וואס איז דא אויב אזוי דער הסברה און דער אויפטו און דער שבח פון "ואתה תחזה"? איז דאס דאך לכאורה פארבונדן מיט א נידעריקער דרגא? איז ערשטענס איז דאך דא דער ענין וואס מען באווארנט אפילו א אידן וואס ער איז ניט שייכות צו אט דער דרגא בשעת ער געפינט זיך מיט משה רבינו, ער איז שייכות צו דער דרגא וואו מען דארף האבן א ממוצע צווישן אים מיט משה רבינו, בדוגמא ווי ער האט געדארפט

אנקומען צו א מבוצע צווישן אים מיט "לשמוע מפי הגבורה.

דערנאך אס דא קומט איבעס אריין דער ביאור וואס מען זאגט אז דוקא מצד דערויף וואס נפל למטה מטה יותר, אדער ווי גערעדט פריער אז א איד דוקא מצד דערויף וואס ער וועט אנגערופן ארץ חפץ, ניט שמים של חפץ, איז דוקא פון "וזרעתיה לי בארץ" דוקא דארטן קאן אויסוואקסן א ענין בריבוי מופלג ביותר, בדוגמא ווי ער איז מבאר בארוכה אין די דרושים פון דעם הילולא אין דעם המשך פון באתי לגני און היושבת בגנים אז דוקא דורך דערויף וואס נפל למטה מטה יותר פון דארטן באקומט מען דער בזבוז האוצרות הבי יקרים וואס ביז דעמולט האט מען דאס ניט גענוצט, |און| אפלו ניט באוויזן, איז ניט נאר מען באווייזט דאס, און ניט נאר מען נוצט דאס, נאר מ'טיילט דאס פאנאדער אין אן אופן של בזבוז, און סכ"ס קומט דאס אן צו די אנשי צבא - צו די אנשי חיל,

און דורך דערויף פירט זיך אויס די כוונה העליונה פון להיות לו דירה דוקא בתחתונים, ווידער אלטער רבי טייטשט דאס אפ בתחתון שאין תחתון למטה הימנו, וואס דוקא אט דא וועט מען אויפהייבן דעם גאנצען בנין מיט עולם האצילות און עולמות הא"ס וכו' כמבואר אין די דרושים פון ("ושקל בפלס העין"?),

בקרוב ממש אין עקבתא דעקבתא דמשיחא אין דעם חושך כפול ומכופל, ודעם דאס זיין דער בקיעת האור און דער קירוב המאור און התגלות המאור וכו', בקרוב ממש בביאת משיח צדקינו.

* * *

ג. אע"פ וואס כאמור כמה פעמים, איז ניט מתאים כלל וכלל, און מען דארף האבן א היתר מיוחד אויף רעדען ענינים וואס זיינען מצער א אידן, עאכו"כ במה ובמה אידן, ועאכו"כ ווען מען קלייבט זיך צוזאמען לשם ענין של תורה ומצוה ושמחה וכו', ובפרט נאך אז ס'איז א טאג וואס ווערט אנגערופן אין משנה בשם ר"ה, און ניט נאר ווי דערפירוש הפשוט „לאילן", נאר ווי ספרים טייטשען דאס אפ ווי גערעדט פריער, אז אילן גייט דאס אויף א אידן ווי א איד שטייט בדרגא נעליה פון א ת"ח, אין ווי א ת"ח שטייט אין א דדגא נעלית אז ער ווערט אן עץ מאכל, אז ער לערנט תורה מיט א צווייטן אידן, ביז אין אן אופן אז דער צווייטער איד איז מתענג בזה, כאמור לעיל די מעלה פון נטיעה פירות האילן, אז זיי טוען אויבעט אויף דער ענין התענוג.

מצד אבער "והייתם נקיים מהוי' ומישראל", און דער עיקר - ווי דער לשון הפסוק "ואבוט ואין איש", מ'פרעגט ווילדע שאלוה, און קיינער געפינט זיך ניט וועד זאל ענטפערן דעם ביאור הכי פשוט.

דערנאך קומט אן צו מיר דער שאלה, פרעג איך פארוואס האט מען דאס ניט געזאגט, זאגט מען אז קיינער האט זיך ניט געכאפט.

וואס איז דא די גוואלדיגע המצאה וואס מ'האט געדארפט צו כאפן זיך אויף דעם ביאור? איז דער ביאור אויף דעם איז, מ'איז שייכות ענטפערן אפילו א דבר הכי פשוט אז מ'ליגט אין דער זאך.

בשעה מען לויפט דורך אין דעם גאנצען ענין, איז קיין פלא ניט - בדוגמא ווי ס'דא כמה דוגמאות און משלים... אבער דא וועט מען אריינגייען אין נאך א צווייטען ענין המצער וואס אין כאן המקום להאריך.